זעקת מעפילי 'אקסודוס '47 לאחר הגליתם לגרמניה

**י. פערלאוו**
**מוזיק: ל. פאלמאן**

# דאס ליד פון 'עקזאדוס'

**זאל הערן די וועלט, זאל זי גאפן פארוואונדערט**
**און פלאקערן זאל ווי א פלאם:**
**דאס ליד פון מעפילים, פיר טויזנט פינף הונדערט**
**וואס קעמפן אויף כוואליעס פון ים.**

**עס קומט פון גיהנום,**
**פון גאז און פון האס,**
**דער ייד פון עקזאדוס,**
**יציאת תש"ז.**
**ער גייט צו באפרייונג,**
**צום היימלאנד, צום ברעג.**
**קיין ארץ-ישראל.**
**צו ליכטיקע מעג.**

**זיי רויק מיין פאלק ! דיינע זין, דיינע טעכטער,**
**היגטער די קראטן פארשפארט,**
**שיצן דיין כבוד מיט העלרנמוט עכטאר –**
**מעפילים – דיין אוואנגארד !**
**עס קומט פון גיהנום,**
**א'א'וו**

**אויף דייטשישער ערד דא מיר שווערן מיר שווערן !**
**דערטראגן מיט שטאלץ אונדזער פאן !**
**א היימלאנד, דו וועסט אונדזער טראט נאך דערהערן,**
**דאס זינגענדן אן:**

**עס קומט פון גיהנום,**
**פון גאז און פון האס.**
**א'א'וו**

**לאגער פעפענדארף, 1947**